**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/4/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט 875 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פאר 3,100 אפאָרדעבעל היימער אריבער ניו יארק סטעיט

***גרענטס וועלן פארגרעסערן די סופליי פון הייזער, צושטעלן שטיצע סערוויסעס וועלכע ערלויבן עלטערע מענטשן, וועטעראנען און שוואכערע באפעלקערונגען צו וואוינען זעלבסטשטענדיגערהייט***

***גאר ענערגיע-שפארזאמע געביידעס צו פאראויס רוקן סטעיט'ס קארבאן רעדוקציע ציהלן***

***דעוועלאפמענטס וועלן אפפערן אומזיסטע אינטערנעט סערוויס צו העלפן עלימינירן דיגיטאלע אומגלייכקייטן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז 875 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג איז געשאנקען געווארן דורך באנדס, טעקס קרעדיטס און סאָבסידיס צו אויפבויען אדער אפהיטן 3,100 אפאָרדעבעל, ענווייראמענט-פריינטליכע און שטיצנדע היימער אין 27 דעוועלאפמענטס אריבער ניו יארק סטעיט. צוזאמען מיט נאך פריוואטע געלטער און מיטלען זענען די 27 פראיעקטן וועלכע באקומען פון די פינאנצירונג ערווארטעט צו שאפן מער פון 1.5 מיליאן דאלאר אין אינוועסטירונגען סך הכל. די גרענטס וועלן פארגרעסערן די סופליי פון הייזער אין יעדע ראיאן; זיי וועלן ארויסהעלפן לאקאלע עקאנאמישע אנטוויקלונג באמיאונגען; באקעמפן היימלאזיגקייט מיט אויפן-ארטיגע סערוויסעס וועלכע האלטן שוואכערע באפעלקערונגען אין זיכערע היימער; אריינרעכענען ענווייראמענט-פריינטליכע געביטן וועלכע רוקן פאראויס די סטעיט מיט אירע קלימאט ציהלן; און אפפערן אומזיסטע אינטערנעט סערוויס צו העלפן עלימינירן דיגיטאלע אומגלייכקייטן.

"מיין אדמיניסטראציע איז איבערגעגעבן צו זיכער מאכן אז יעדער ניו יארקער האט צוטריט צו האוזינג וואס איז אפאָרדעבעל, ענווייראמענט-פריינטליך און וואס אפפערט קריטישע סערוויסעס וועלכע פארבעסערן לעבנס," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די פינאנצירונג וועט למעשה פארשאפן מער פלעצער פאר עלטערע מענטשן און שוואכערע איינוואוינער צו וואוינען זעלבסטשטענדיגערהייט, אפארטמענטס וואס יונגע מענטשן קענען זיך ערלויבן און אויפגעלעבטע קאמיוניטיס וואו ביזנעסער קענען מצליח זיין און פארגרעסערן זייער ארבעטסקראפט. די נייע סארטן דעוועלאפמענטס זענען צענטראל צו אונזערע סטראטעגישע באמיאונגען צו פארגרעסערן די סופליי פון הייזער און אויפבויען א מער אפאָרדעבעל און איינוואוינער-פריינטליכע ניו יארק פאר יעדן איינעם."

די גרענטס וועלכע זענען היינט אנאנסירט געווארן זענען טייל פון גאווערנער האקול'ס 25 ביליאן דאלארדיגע ברייטע האוזינג פלאן וואס וועט אויפבויען אדער אויפהאלטן 100,000 היימער פאר צוגענגליכע פרייזן אריבער ניו יארק סטעיט, אריינרעכענענדיג 10,000 מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען, און אויך דאס אריבערפירן נאך 50,000 היימער צו נוצן עלעקטריציטעט.

די פינאנצירונג ווערט צוגעשטעלט דורך ניו יארק סטעיט היימער און קאמיוניטי רינוּעל'ס (Homes and Community Renewal, HCR) נידעריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיט פראגראם (Low Income Housing Tax Credit Program) און דורך הלוואות פון באנדס וועלכע זענען פטור פון טעקס. זיבן פראיעקטן זענען געשאנקען געווארן 684 מיליאן דאלאר אין סאָבסידיס און אין האוזינג באנדס וועלכע זענען פטור פון טעקס דורכאויס די אגענטור'ס פארטיילונגען אין מערץ פון 2023. צוואנציג דעוועלאפּמענטס זענען געשאנקען געווארן איבער 191 מיליאן דאלאר דורך HCR'ס איינלאדענונג פאר פארשלאגן פאר אפּארטמענט געביידע פינאנץ (Multifamily Finance RFP), א פראצעדור וואס שענקט פעדעראלע און סטעיט נידעריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיטס און סאָבסידי פינאנצירונג פאר די בעסטע פארשלאגן פון אפּאָרדעבעל און שטיצנדע אפּארטמענט געביידע דעוועלאפּמענטס.

אלע פראיעקטן קומען נאך די נייע ענווייראמענטאלע סטאנדארטן וועלכע זענען אוועקגעשטעלט געווארן דורך די HCR אין 2022, סטאנדארטן וועלכע שטופן פאר א געזונטערע סביבה און מער ווירקזאמע געביידעס און וועלכע שטיצן די ציהלן אוועקגעשטעלט דורך די ניו יארק סטעיט קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ (Climate Leadership and Community Protection Act).

מער פון האלב פון די פראיעקטן וועלכע האבן באקומען גרענטס וועלן איסנוצן א סך הכל פון 9 מיליאן דאלאר פון די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט'ס (Energy Research and Development Authority) ריינע ענערגיע אינציאטיוו צו עררייכן זאגאר העכערע שטאפלען פון ענווייראמענט-פריינטליכקייט און קארבאן רעדוקציע.

אין צוגאב, אפפערן די דעוועלאפּמענטס אומזיסטע אינטערנעט סערוויסעס פאר איינוואוינער, ארויפבויענדיג אויף די גאווערנער'ס ConnectAll אינציאטיוו וואס האט געמאכט היסטארישע אינוועסטירונגען צו ברענגען שנעלע אינטערנעט צו קאמיוניטיס וועלכע האבן נישט געהאט גענוג סערוויס, עלימינירנדיג די דיגיטאלע אומגלייכקייטן פאר ניו יארקער מיט נידעריגערע איינקונפט.

**ניו יארק סטעיט היימער און קאמיוניטי רינוּעל קאמישאנער, רוט-ען וויסנאָסקעס, האט געזאגט,** "די 875 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג וואס מיר האבן היינט אנאנסירט וועלן ברענגען מער פון 3,100 ענווייראמענט-פריינטליכע אפּארטמענטס פון א הויכע קוואליטעט פאר צוגענגליכע פרייזן צו יעדע ראיאן פון ניו יארק, בשעת'ן פארברייטערן צוטריט צו אינטערנעט סערוויס און אנדערע וויכטיגע שטיצע סערוויסעס. נאכפאלגנדיג די פרינציפן פון אונזער 25 ביליאן דאלארדיגע האוזינג פלאן, וועלן די 27 פראיעקטן פארגרעסערן ניו יארק'ס סופּליי פון הייזער און אויפבויען לעבהאפטיגע, פארשידנארטיגע און עקאנאמישע סטאבילע קאמיוניטיס וואו מענטשן פון אלע איינקונפט שטאפלען קענען זיך ערלויבן צו וואוינען. איך וויל גראטולירן און באדאנקען אונזערע טאלאנטפולע דעוועלאפּמענט שותפים פאר זייער שווערע ארבעט אויף די לעבנס-טוישנדע דעוועלאפּמענטס."

די פולע שילדערונג פון די גרענטס זענען פארעפנטליכט דא.

## קאפיטאל ראיאן

- **Mosaic Apartments אין די סיטי אָוו סקענעקטעדי,** 27 מיליאן דאלארדיגע קאנסטרוקציע פון צוויי געביידעס דורך DePaul Properties, Inc.
- **Broadway Veterans Housing35  אין די ווילעדזש אָוו מענאנדס** איז א 25 מיליאן דאלארדיגע 67-אפּארטמענטס קאנסטרוקציע פראיעקט דורך  Beacon Community Services, LLC.

## צענטראלע ניו יארק

- **Creekside Landing אין די סיטי אָוו סירעקיוס** איז א 31 מיליאן דאלארדיגע 52-אפּארטמענטס דעוועלאפּמענט אויף עטליכע לאקאציעס און קאנסטרוקציע פראיעקט דורך Housing Visions Consultants, Inc.

**פינגער לעיקס**

- **Pines of Perinton אין די ווילעדזש אָוו פעירפּארט** איז א 137 מיליאן דאלארדיגער פראיעקט צו איינקויפן און איבערבויען א 508-אפּארטמענט HUD סעקשען 236 אפּארטמענט געביידע פראפּערטי מיט פינף היסטארישע צוויי-שטאקיגע געביידעס דורך די Winn Companies.
- **Alta Vista אין סעינט דזשאָוסעף'ס פּארק אין די סיטי אָוו ראטשעסטער** איז א 36 מיליאן דאלארדיגע, 76-יוניט פראיעקט פאר מערערע צוועקן און פאר מענטשן מיט מערערע איינקונפט שטאפּלען, און עס איז א ראטשעסטער 'שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו' פריאריטעט פראיעקט דורך די Ibero-American Development Corporation.
- **St. Leo Senior Apartments אין די ווילעדזש אָוו הילטאן** איז א 15 מיליאן דאלארדיגער קאנסטרוקציע פראיעקט פון אנפילנדע געביידעס מיט 40 יוניטס פון האוזינג מיט שטיצע סערוויסעס און פאר עלטערע מענטשן דורך Providence Housing Development Corporation און Episcopal Senior Life Communities.

**לאנג איילענד**

- **Carman Place אין די ווילעדזש אָוו העמפּסטעד** איז א 155 מיליאן דאלארדיגע, טראנספּארטאציע-אריענטירטע און פיסגייער-פריינטליכע 228-יוניט דעוועלאפּמענט דורך Conifer און דורך די קאמיוניטי דעוועלאפּמענט קארפּארעישען פון לאנג איילענד ( Community Development Corporation of Long Island).
- **Estella Housing אין די ווילעדזש אָוו העמפּסטעד** איז א קרוב צו 72 מיליאן דאלארדיגע, ענערגיע-שפּארזאמע, 96-יוניטס אפּאָרדעבעל און שטיצנדע דעוועלאפּמענט דורך Concern for Independent Living.
- **Alegria North אין די ווייענדענטש שטעטל** איז א 48 מיליאן דאלארדיגע 81-יוניטס קאנסטרוקציע פראיעקט נעבן די לאנג איילענד רעילראָוד רעלסן. די דעוועלאפּער איז D&F Development Group, LLC.
- **The Grove אין די ווילעדזש אָוו פּעטשאָג** איז א 33 מיליאן דאלארדיגע 55-יוניטס קאנסטרוקציע דעוועלאפּמענט פון נייע שטיצנדע הייזער דורך GGV Grove Apartments, LLC, און New Ground Inc. איז די סערוויסעס פּראָוויידער.

**מיד-האדסאן ראיאן**

- **James Linburgh Senior Apartments אין די סיטי אָוו יאנקערס** איז א 47 מיליאן דאלארדיגער קאנסטרוקציע פראיעקט מיט 94 יוניטס פאר עלטערע מענטשן נעבן א מעטראָ נארט סטאנציע. די דעוועלאפּער איז Warburton Avenue Apartments, LLC.
- **East End Lofts אין די סיטי אָוו ניובורג** איז א 23 מיליאן דאלארדיגע 66-יוניטס אנפילנדע קאנסטרוקציע פראיעקט פאר מערערע צוועקן און פאר מענטשן מיט פארשידענע איינקונפט שטאפּלען דורך The Kearney Realty & Development Group Inc.
- **Silver Gardens אין די היילענד שטעטל** איז א 20 מיליאן דאלארדיגע 57-יוניטס שטיצנדע האוזינג דעוועלאפּמענט קאנסטרוקציע פאר עלטערע מענטשן מיט נידעריגערע איינקונפט דורך RUPCO, Inc.

**<u>מאוהאק וואלי</u>**

- **Utica Renaissance אין די סיטי אָוו יוטיקע** איז א 101 מיליאן דאלארדיגע, 74-יוניטס האוזינג דעוועלאפמענט פאר עלטערע מענטשן און מיט שטיצנדע סערוויסעס דורך די Vecino Group און די יוטיקע האוזינג אויטאריטעט (Utica Housing Authority).
- **Glove City Lofts אין די סיטי אָוו גלאָווערסוויל** איז א נייע 25 מיליאן דאלארדיגע, 75-יוניטס דעוועלאפּמענט פאר מענטשן מיט פארשידענע איינקונפט שטאפלען און פאר מערערע צוועקן דורך .Parkview Development & Construction, LLC.

**<u>ניו יארק סיטי</u>**

- **Clarkson Estates אין ברוקלין** איז א 238 מיליאן דאלארדיגע נייע ניין-שטאקיגע 328-יוניטס אפּאָרדעבעל דעוועלאפּמענט דורך CAMBA Housing Ventures.
- **Sutphin Senior Housing אין קווינס** איז א 142 מיליאן דאלארדיגע 173-אפּארטמענט, 15-שטאקיגע האוזינג דעוועלאפּמענט פאר עלטערע מענטשן דורך Breaking Ground.
- **Pitkin Avenue Residence אין איסט ניו יארק, ברוקלין** איז א 22 מיליאן דאלארדיגע, 39-יוניטס קאנסטרוקציע דעוועלאפּמענט דורך .Housing Works, Inc.
- **Castle III אין מזרח הארלעם, די בראנקס** איז א 53 מיליאן דאלארדיגע, 82-יוניטס קאנסטרוקציע פראיעקט פאר אפּאָרדעבעל און שטיצנדע נייע הייזער דורך די Fortune Society.
- **Comunilife Tiebout אין פארדהעם הייטס, די בראנקס** איז א 54 מיליאן דאלארדיגע 83-יוניטס האוזינג דעוועלאפּמענט פאר עלטערע מענטשן און מיט שטיצנדע סערוויסעס דורך .Comunilife, Inc.

**<u>צפון קאנטרי</u>**

- **Oval Wood Dish Factory אין די ווילעדזש אָוו טאָפּער לעיק** איז א 39 מיליאן דאלארדיגע, 80-יוניטס אפּאָרדעבעל קאמפּלעקס מיט פלאץ פאר געשעפטן דורך Housing Visions Consultants, Inc.

**<u>סאוטערן טיער</u>**

- **Dana Lyon Apartments אין די ווילעדזש אָוו בעט** איז א 21 מיליאן דאלארדיגע, 49-יוניטס דעוועלאפּמענט פאר מערערע צוועקן דורך Providence Housing Development Corporation.
- **Stately Apartments אין די סיטי אָוו איטעקע** איז א 30 מיליאן דאלארדיגע, 57-יוניטס דעוועלאפּמענט פון קאנסטרוקטירטע אנפילנדע געביידעס פאר מערערע צוועקן דורך Visum Development Group, LLC און Arbor Housing and Development.

**<u>מערב ניו יארק</u>**

- **ETC Towers אין די סיטי אָוו באפעלאו** איז א 72 מיליאן דאלארדיגע 281-יוניטס אפּהיטונג פראיעקט דורך Beacon Communities און First Shiloh Baptist Church.

- **Manhattan Village ביי BestSelf אין די סיטי אָוו באפעלאו** איז א 27 מיליאן דאלארדיגע, 66-יוניטס קאנסטרוקציע פראיעקט דורך BestSelf Properties, Inc. און BestSelf Behavioral Health.
- **875 Lafayette אין די סיטי אָוו באפעלאו** איז א 34 מיליאן דאלארדיגע, 80-יוניטס דעוועלאפמענט פאר מענטשן מיט פארשידענע איינקונפט שטאפלען דורך Belmont Housing Resources for Western New York, Inc.
- **Riley Brook Apartments אין די טאון אָוו האמבורג** איז א 24 מיליאן דאלארדיגע 70-יוניטס ארבעטסקראפט האוזינג דעוועלאפמענט און קאמיוניטי געביידע דורך Grove Development און Southern Tier Environments for Living.

**קאנגרעסמאן ברייען היגינס האט געזאגט,** "צוטריט צו אן אפאַרדעבעל לעבן איז שוין פון לאנג איינס פון מערב ניו יארק'ס בעסטע אייגנשאפטן. מיר מוזן פארזעצן צו זוכן וועגן צו פארבעסערן עקזיסטירנדע וואוינונג הייזער און צו עפענען נייע אפאַרדעבעל האוזינג געלעגנהייטן פאר יעדן. די פראיעקט – וועלכע האבן א גרויסע חלק צו פארדאנקען פאר די פעדעראלע נידעריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיט – זענען פאר צו ארויפבויען אויף די ציהל."

**קאנגרעסמאן עידריאַנאָ עספּאַיאַט האט געזאגט,** "אפאַרדעבעל הייזער זענען קריטיש פאר די געזונטהייט און ענווייראמענט-פריינטליכקייט פון אונזערע קאמיוניטיס. איך לויב אויס גאווערנער האקול פארן צוטיילן אזעלכע באדייטנדע סומעס פון פינאנצירונג צו פארזיכערן אפאַרדעבעל הייזער אריבער גאנץ ניו יארק סטעיט. די היינטיגע אנאנס רוקט פאראויס אונזער צוזאג צו פארשטערקערן עקאנאמישע אנטוויקלונג, צו שטיצן ענווייראמענט-פריינטליכע קאמיוניטיס און צו ארויסהעלפן שוואכערע פאמיליעס זיי צו העלפן בליהען."

**קאנגרעסמאן דזשאָו מארעלי האט געזאגט,** "אפאַרדעבעל הייזער פון א הויכע קוואליטעט איז די יסוד פון יעדע קאמיוניטי, און עס קומט זיך פאר יעדע מענטש צו האבן א זיכערע און סטאבילע פלאץ צו רופן זייער היים. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פאר איר איבערגעגעבנקייט צו שטיצן פארברייטערטע האוזינג אפציעס פאר ניו יארקער. איך קוק ארויס צו אונזער אנגייענדע שותפות צו ארבעטן צו ברענגען געלעגנהייטן פאר פאמיליעס מיט נידעריגערע איינקונפט."

**קאנגרעסמאן פעט רייען האט געזאגט,** "איך קעמף יעדן טאג צו מאכן האוזינג גרינגער זיך צו ערלויבן אין די האדסאן וואלי, און די אינוועסטירונג פון איבער 40 מיליאן דאלאר איז א מהפכה פאר שווער-ארבעטנדע פאמיליעס אין ניובורג און אין היילענד. די פינאנצירונג מיינט אז נאך הונדערטע עלטערע מענטשן און וועטעראנען וועלן קענען לעבן זעלבסטשטענדיגערהייט, און מיט די צוגאבליכע געלטער פאר אומזיסטע אינטערנעט סערוויס, וועלן זיי אויך זיין אקטיווע מיטגלידער פון די קאמיוניטי. איך קוק ארויס צו פארזעצן צו ארבעטן מיט גאווערנער האקול, מיט RUPCO און מיט The Kearney Realty & Development Group Inc. צו אראפטרייבן האוזינג קאסטן אריבער די גאנצע ראיאן."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן